**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:29
מוצאי שב"ק.....................7:01
**שיעורים כסדרן**
נ"ך....... דברי הימים א כ"ד –כ"ה
בבלי.................. בבא מציעא ג'
ירושלמי.................. שבת פ'
תוספתא.................. קידושין ב'
רמב"ם.................. שבועות ג'

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת כי תשא, כ"ב אדר א', שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 22 (641)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹקִים הֵמָּה, דִי לוּחוֹת זֶענֶען דִי זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי רַשִׁ"י זָאגְט, כְּאָדָם הָאוֹמֵר לַחֲבֵרוֹ כָּל עֲסָקָיו שֶׁל פְּלוֹנִי בִּמְלָאכָה פְּלוֹנִית, כָּךְ כָּל שַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּתּוֹרָה, וִוי אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ צְוֵוייטְן אַז יֶענֶעמְ'ס גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אַ גֶעוִוויסֶע סָארְט בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אוּן גֶעשְׁמַאק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כח), עֶס אִיז גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דוּרְכְלֶערְנֶען אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען דָא, עֶר זָאל דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים וָואס פָארְן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זֵיי גֶעבְּן אוֹיס אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אַלְץ נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם בַּארִימֶען פַאר אַלֶעמֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶועזְן, עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אִין וַוארְשָׁא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִין אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט. דִי זֶעלְבֶּע דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים, אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַז עֶר הָאט אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אִיבֶּעראַל.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס וֶועט קֶענֶען זָאגְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אִין מְדִינַת 'בַּבְלִי'", "אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אִין מְדִינַת 'יְרוּשַׁלְמִי'"; אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גַאנְץ יְרוּשַׁלְמִי, זֶענֶען אָבֶּער דָא שְׁטֶעט, גַאסְן אוּן הַייזֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, "אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אִין אַ שְׁטָאט (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת) פוּן מְדִינַת יְרוּשַׁלְמִי"; "אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אִין אַ גַאס (אֵיין בְּלַאט), פוּנֶעם שְׁטָאט (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת) אִין 'מְדִינַת יְרוּשַׁלְמִי'"; "אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אִין אַ הוֹיז (אַפָּאר שׁוּרוֹת), פוּנֶעם גַאס (בְּלַאט), פוּנֶעם שְׁטָאט (מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת), פוּן 'מְדִינַת יְרוּשַׁלְמִי'". אַזוֹי וֶועט זִיךְ יֶעדֶער קֶענֶען בַּארִימֶען מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יֶעדְן סֵפֶר.

וִוי שֵׁיין וֶועט זַיין וֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען, "אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אִין חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר; אִין תִּיקּוּנֵי זוֹהַר בִּין אִיךְ גֶעוֶועזְן גָאר אַסַאךְ, דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ בַּאזוּךְ יֶעדֶע חוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוֹיךְ אִין כָּל סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְכוּ' וְכוּ'", דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט זָאגְן דִי פּוֹסְקִים (שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב, הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, פֶּרֶק ב, הֲלָכָה יג) אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט דִי נְשָׁמָה, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט אָן פַארְשְׁטַאנְד.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען מִיר זָאגְן אַז אַ חַבֵר אָדֶער אַ מַגִיד שִׁיעוּר הָאט אִים גֶעוִויזְן אַז אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה (שָׁם) שְׁטֵייט דֶער שִׁיטָה פוּנֶעם מָגֵן אַבְרָהָם (אוֹרַח חַיִּים סִימָן נ, סְעִיף קָטָן ב') אַז מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא בַּיי 'תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה' אוֹיבּ מֶען זָאגְט אָן פַארְשְׁטַאנְד; עֶר הָאט דִיר גֶעוִויזְן אַ שְׁטִיקְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב, זָאל עֶר דִיר וַוייזְן דֶעם גַאנְצְן שְׁטִיקְל, מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט קוּקְן נָאר אַ הַאלְבֶּע שְׁטִיקְל, זָאל עֶר דִיר וַוייזְן וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט דֶערְנֶעבְּן (סְעִיפִים י, וי"ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן דוּרְכְזָאגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אַזוֹי וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט זַיין נְשָׁמָה.

<<<<<<

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אֱמוּנַת צַדִּיקִים

**וַיַּרְא הָעָם כִּי בֹשֵׁשׁ מֹשֶׁה וְגוֹ'** וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זוֹימְט זִיךְ אַרָאפּ צוּקוּמֶען פוּנֶעם בַּארְג, הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן אַהֲרֹן עֶר זָאל זֵיי מַאכְן אַן אָפְּגָאט וָואס זָאל זֵיי פִירְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: **כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה הָיָה לוֹ** - מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ מֹשֶׁה וָואס הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן לַאנְד מִצְרַיִם. וֶועגְן דֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶער זַאךְ, וַוייל דוּ בִּיזְט דָאךְ מוֹדֶה אַז נָאר מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶועזְן דֶער וָואס הָאט דִיךְ גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מִצְרַיִם, אַ פַארְמַאכְטֶע פְּלַאץ מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע וַואךְ אַז

<<<<<<

## א גוט ווארט

מִיר זֶענֶען אִין חוֹדֶשׁ אַדָּר, אַ חוֹדֶשׁ פוּן שִׂמְחָה; מֶעגְסְט שׁוֹין שְׁמֵייכְלֶען, מֶעגְסְט שׁוֹין אוֹיסְגְרָאדְן דִי קְנֵייטְשְׁן פוּן דַיין שְׁטֶערְן, לָאז אָפּ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶועסְט גָארְנִישְׁט מַרְוִיחַ זַיין פוּן זַיין בְּעַצְבוּת, מִיט אַ לַאנְגֶע נָאז; גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל.

בֶּעט אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז שִׂמְחָה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר מְקוֹר הַשִּׂמְחָה הוֹדָעוֹת נְחוּצוֹת, אוֹת צא) מֶען קֶען זֶען אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה אָדֶער עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן; אַז מֶען הָאט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, מֶען אִיז דָּבוּק צוּם צַדִּיק אֱמֶת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ טוּנְקֶעלֶע פָּנִים - אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם צַדִּיק.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אוֹיפְן פָּנִים אַ שְׁמֵייכְל. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כג): "אַנְפִּין נְהוֹרִין" אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, "פָּנִים דִּקְדֻשָּׁה", "בְּחִינַת חַיִּים" - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, דָאס אִיז לֶעבְּן, "אַנְפִּין חֲשׁוֹכִין" אוּן אַ טוּנְקֶעלֶע פָּנִים, "סִטְרָא אָחֳרָא", אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, "בְּחִינַת מִיתָה", מֶען הָאט אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן; שִׂמְחָה אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תִשָּׂא תשפ"ד)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס זַאךְ אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אַדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן בָּזֶה הָעוֹלָם; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; א מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זַיינֶע רְוָחִים בְּרוּחָנִיּוּת. פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי בְּגַשְׁמִיּוּת וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בִּיזְנֶעס דַארְף עֶר שְׁטֶענְדִיג פְּרֶעגְן דֶעם בּוּכְהַאלְטֶער צִי מֶען פַארְדִינְט אָדֶער מֶען דֶערְלֵייגְט, אַזוֹי אוּן נָאךְ מֶער דַארְף מֶען זִיךְ כְּסֵדֶר בּוֹדֵק זַיין: 'וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?' 'אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ?' אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק צוּ גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס וֶועט אוֹיף אֵייבִּיג בְּלַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דָאס אִיז אַ זִיכֶערֶע זַאךְ וָואס וֶועט אֵייבִּיג בְּלַייבְּן מִיטְן מֶענְטְשׁ.

יֶענֶע וֶועלְט אִיז אַן עוֹלָם הָאֱמֶת, דָארְט קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט נַארְן; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן שָׁלוֹם בַּיִת דָאס אִיז זִיכֶער אֱמֶת אוּן דָאס הֵייסְט זִיךְ נִישְׁט גֶענַארְט, אָבֶער וֶוען מֶען ווִיל דִיר אַרַיין דְרֵייעֶן אִין מַחֲלֹקֶת, בַּיי דֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קֵיין מַגָּע וּמַשָּׂא.

אַז דוּ זֶעסְט אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ, אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ נִישְׁט אַהִין צוּ גֵיין, וַוייל מַחֲלֹקֶת אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער לַיידְט פוּן דֶעם.

קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ וְכוּ'; מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פַאר תּוֹרָה תְּפִלָּה וָואס דָאס אִיז דֶעם גַאנְצְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ. דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה בַּיי דִי לוּחוֹת שְׁטֵייט (שְׁמוֹת לב, טז): "וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹקִים הֵמָּה", זָאגְט רַשִׁ"י: "כְּאָדָם הָאוֹמֵר לַחֲבֵירוֹ כָּל עֲסָקָיו שֶׁל פְּלוֹנִי בִּמְלָאכָה פְּלוֹנִית, כָּךְ כָּל שַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּתּוֹרָה", אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט: 'יֶענֶעמְ'ס זַאךְ אִיז דָאס אוּן דָאס', אַזוֹי זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס זַאךְ אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז הֶבֶל הֲבָלִים.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): **"אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן"**; עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז דֶער טַאטֶע לֶעבְּט שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט דִי חִיזוּק פוּן רַבִּי'ן, נָאר מֶען דַארְף דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ, אַז דֶער גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל אָטֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבִּי'ן. עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט פוּן רַבִּי'ן: "אִיךְ וִויל אִיר זָאלְט מַאכְן אַייעֶרֶע וַוייבֶּער חֲסִיד'סְטֶעס"; וַוייל עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז פוּל מִיטְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר אוּן מֵיידְל סְקוּל, וַוייל אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ אַז דִי כּוֹחוֹת לָאזְן זִיךְ מִיר אוֹיס.

דִי אִינְגֶעלַייט בֶּעטְן שִׁיעוּרִים, מֶען מֵיינְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אַ מַאשִׁין וָואס גֶעבְּט אַרוֹיס שִׁיעוּרִים; מֶען דַארְף הָאבְּן כֹּחַ צוּ גֶעבְּן שִׁיעוּרִים.

**אַ גוּטְן טָאג.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תִשָּׂא תשע"ח)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אֲפִילוּ אַ קְנֶעכְט הָאט פוּן דָארְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֵיין (מְכִילְתָּא יִתְרוֹ פַּרְשָׁה א), מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּנְז אַלֶע אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אִינְמִיטְן הֶעלְן טָאג, אַז אֲפִילוּ אַ הִינְט הָאט נִישְׁט גֶעבִּילְט, יֶעצְט פְּלוּצְלִינְג וִוי נָאר מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז מֹשֶׁה אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף דִי מִינוּט, אַנְשְׁטָאט צוּ אוֹיסְוַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד אוּן נִישְׁט מַאכְן קֵיין 'דְחִיקַת הַשָּׁעָה' (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָנִים כ; קצו; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָנִים תל-תלו), זָאגְט מֶען שׁוֹין, מֶען וֶועט מַאכְן אַ גָאט, אוּן מֶען לֵייגְט נָאךְ צוּ: **כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ** - פְּלוּצְלִינְג רוּפְט מֶען אִים אָן "דֶער מֶענְטְשׁ מֹשֶׁה". גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דַיין רֶבִּי?!

חֲזַ"ל זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה יא, ד): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (דְּבָרִים לג, א), 'אִישׁ אֱלֹקִים' וַוייל הַאלְבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ אוּן הַאלְבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אֱלֹקוּת; דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק אִיז אַז עֶר קֶען זַיין סֵיי אוֹיבְן, אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי וֶועלְט, אוּן זַיין אַ מֶענְטְשׁ וִוי אַלֶע מֶענְטְשְׁן (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָנִים ז, סח).

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּנֶעם עֵגֶל, אַז גְלַייךְ וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אָז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען דֶעם עֵגֶל, אוּן גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶער מְצִיאוּת אוּן אָפְּגָאט, עֶר זָאל זַיין דֶער פַארְמִיטְלֶער צְוִוישְׁן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת לב, ד): **אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם** – דֶער בָּאק הָאט דִיר אַרוֹיס גֶעפִירְט פוּן מִצְרַיִם; אוּן גֶעמַאכְט פוּן אַ סִבָּה אוּן טָפֵל פַאר אַן עִיקָר, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"ב), אַז דֶער טָעוּת מַאכְן מֶענְטְשְׁן הַיינְט אוֹיךְ, מִיט דֶעם וָואס מֶען טְרַאכְט אַז נָאר דוּרְךְ דִי אַרְבֶּעט וָואס מֶען טוּט הָאט מֶען פַּרְנָסָה, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אוּן אַרְבֶּעט וָואס מֶען הָאט אִיז אוֹיךְ נָאר אַ מַתָּנָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם הֲלָכָה ב): הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא מָן פוּן הִימְל, וֶוען אַ אִיד אַנֶערְקֶענְט אַז דִי אַרְבֶּעט וָואס עֶר הָאט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן הַשְׁגָּחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן אִים דָאס צוּגֶעשִׁיקְט, דֶעמָאלְס אִיז זַיין פַּרְנָסָה מַמָּשׁ 'מָן', ווִיפִיל הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער גוֹיִם לְהַבְדִּיל הָאבְּן נִישְׁט קֵיין אַרְבֶּעט, כָאטְשִׁיג זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְטֶע גוֹיִם אוּן זֵיי קֶענֶען בֶּעסֶער אַרְבֶּעטְן וִוי אוּנְז.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹסֵף יִצְחָק פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: אַ גֶעשֶׁעפְטְס-מַאן קֶען זֶעהְן מֶער הַשְׁגָּחָה וִוי אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס זִיצְט אוּן לֶערְנְט! צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז עֶס אִיז דָא פּוּנְקְט דִי זֶעלְבֶּע גֶעשֶׁעפְט נִישְׁט וַוייט פוּן זַיין פְּלַאץ, פַארְוָואס אִיז דֶער קָאסְטוּמֶער פּוּנְקְט אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַיינְקוֹיפְן?! אִיז דָאךְ דָאס נָאר וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים אַרַיינְגֶעשִׁיקְט סְפֶּעצִיעֶל צוּ אִים. דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח טז, ד): **לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה אֶלָּא לְאוֹכְלֵי הַמָּן** – דִי תּוֹרָה הָאט מֶען נִישְׁט גֶעגֶעבְּן נָאר פַאר דִי וָואס זֵיי עֶסְן מָן. דָאס הֵייסְט, פַארְוָואס לֶערְנְט א מֶענְטְשׁ נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה? וַוייל עֶר טַעֲנָה'ט: וִוי הָאבּ אִיךְ צַייט צוּ לֶערְנֶען? אִיךְ דַארְף דָאךְ הָארֶעוֶוען אוֹיף פַּרְנָסָה. אָבֶער אַז עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן זַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אִיז אוֹיךְ נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַ מַתָּנָה, מָן פוּן הִימְל, אוֹיבּ אַזוֹי וֶועט עֶר אִינְמִיטְן אַרְבֶּעט אוֹיךְ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר וֶועט אַרוֹיסְכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל אוֹיךְ אִינְמִיטְן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וֶוען עֶר הָאט אַ מִינוּט צַייט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפד): מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ (שַׁבָּת ל"א, ע"א), **קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה** - הָאסְטוּ גֶע'גַנְבֶ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה?! וַוייל אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר פַארְיָאגְט אוּן פַארְנוּמֶען דַארְף אוֹיךְ אַרוֹיס גַנְבֶ'נֶען צַייט צוּ לֶערְנֶען.

קוּמְט אוֹיס אַז מֶען קֶען זִיךְ פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי עֵגֶל אַרוֹיסְלֶערְנֶען זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען וֶוערְט א עֶרְלִיכֶער אִיד (עַיֵּין לִיקוּטֵי הִלְכוֹת גְּזֵלָה, הֲלָכָה ה), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט מִיט דֶעם (נֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח), דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (יוֹמָא כ ע"ב): **וּכְבָר אָמַר [הַכֹּהֵן] אָנָּה ה'** - בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער; וַוייל צוּ וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען אַסַאךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד הָאבְּן.

אוּן אַז מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעדוּלְד וֶוערְט שׁוֹין אַ פְּגַם אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים, מֶען הֵייבְּט אָן מְזַלְזֵל זַיין רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים, בִּיז מֶען נֶעמְט זִיךְ אַן עֵגֶל פַאר אַ מַנְהִיג, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת, אָן אַ צַדִּיק אִיז דֶער לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"א), וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט אוֹיךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קפ"ו): דָאס וָואס דִי אוֹיבֶּערְלֶענְדֶער אִידְן (אוּנְגַארְן) זֶעעֶן שְׁטֶענְדִיג מוֹפְתִים, דָאס קוּמְט וַוייל זֵיי גֵייעֶן מִיט תְּמִימוּת צוּ אַ צַדִּיק, כָאטְשִׁיג עֶס אִיז דָא אַסַאךְ זַאכְן וָואס זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט גְלַייךְ, גְלֵייבְּן זֵיי אִין יֶעדֶע וָוארְט פוּנֶעם צַדִּיק, דֶערְפַאר זֶעהֶען זֵיי נָאכְדֶעם גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים.



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# נָאכ'ן בֶּעטְן אַזוֹי שְׁטַארְק, פַארְוָואס זֶע אִיךְ נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ אַרְבֶּעט עֶלְף שָׁעָה אַ טָאג פַאר פַּרְנָסָה. אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת בִּשְׁעַת מַיין

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ זוּךְ אַ צַדִּיק וָואס זָאל מִיר הֶעלְפְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ צַדִּיק, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי בְּרִיוו אוּן שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין נָאר וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, דַאוֶונֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין מִיט מְתִינוּת אוּן כַּוָּנָה, גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן זַיין נָאר גוּט אוּן וואוּיל. לֵיידֶער בִּין אִיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, דוּרְךְ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מֶעטָאד וָואס אִיךְ בִּין דוּרְךְ, הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דָא פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט, אָבֶּער דִי נְקוּדָה אִיז אַז דִי זֶעלְבֶּע בְּרֶען אוּן פֵייעֶר וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין מִיר פַאר עֲבֵירוֹת, הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, צוּ בְּרֶענֶען נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין דָא.

אָבֶּער כָאטְשׁ וָואס אִיךְ פִּיל יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶע אִיךְ אָבֶּער אַז מַיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת וֶועגְן פַּרְנָסָה וֶוערְן נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן מַיין דִירָה אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ דִירָה דָא וואוּ אִיךְ וואוֹין, אָבֶּער זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אִיךְ וִויל, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם פַאר אַ הַאלְבֶּע יָאר אִין אַ צִי, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ צוּגֶעלֵייגְט סְפֶּעצִיעֶלֶע תְּפִלּוֹת בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי סְגוּלָה אַז פַאר פֶערְצִיג טֶעג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גָאר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִין קְדוּשָׁה, אוּן דֶערְוַוייל רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם גוּטְן, אוּן כְּסֵדֶר קוּמֶען צוּ נָאךְ פְרִישֶׁע שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען מִיט גֶעלְט זַאכְן.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס נָאר פַאר מַיין טוֹבָה, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, וָואס פַאר דֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אוֹיף טָאג טֶעגְלִיכֶע פַּרְנָסָה אִיז דָא, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ קְלֶעם אִין הַארְץ, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בֶּעטְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן אַלֶעס וֶועט פָארְן וִוי גֶעשְׁמִירְט, אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶען וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, מֶען הָאט סַבְלָנוּת - זֶעט מֶען בַּיים סוֹף וִוי אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען לְטוֹבָה; מֶען קוּקְט צוּרִיק, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ וָואס מֶען אִיז אַמָאל אַרִיבֶּער - זֶעט מֶען וִוי שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט, וִוי שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט; טַאקֶע פוּן דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען זִיסְקֵייט.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן דָאס וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (תּוֹרַת מֹשֶׁה כִּי תִשָּׂא, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְרָאִיתָ הב') וָואס עֶר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיל זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל פַארְשְׁטֵיין 'וָואס גֵייט זַיין?' 'פוּן וואוּ גֵייט קוּמֶען דִי יְשׁוּעָה?' מֶען קֶען דָאס אָבֶּער נִישְׁט זֶען, נָאר אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "וְרָאִיתָ - אֶת אֲחֹרָי", קוּק אוֹיף צוּרִיק, קוּק וָואס פַאר אַ חֲסָדִים אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר - וֶועסְטוּ מִיר זֶען; אָבֶּער "וּפָנַי - לֹא יֵרָאוּ", 'וָואס וֶועט זַיין? וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה?' דָאס וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט זֶען פוּן פָארְאוֹיס, נָאר מֶען דַארְף גְלֵייבְּן, וַוארְטְן, הָאפְן אוּן בֶּעטְן.

דוּ מֵיינְסְט יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט דִיר שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַוארְטְן וֶועסְטוּ זֶען וָואס פַאר אַ נִיסִים עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, קיח): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קיח, כא): "אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי לִי לִישׁוּעָה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן אִין פַארְקוֹיפְן זַיין סְחוֹרָה, עֶר הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט אַסַאךְ

BreslevCenter.com\answers

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט <<<<<

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ שְׁאֵלָה: "אוֹיבּ מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין אַ צַדִּיק בִּתְמִימוּת אַז עֶר קֶען בַּאוַוייזְן מוֹפְתִים, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אַזוֹי וָואסְפַארַא טַעֲנָה קֶען מֶען הָאבְּן אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ אַ פָּשׁוּטְ'ן שְׁטֶעקְן אַ בָּאק [עֵגֶל], מֶען דַארְף דָאךְ הָאבְּן אֱמוּנַת צַדִּיקִים, מִמֵּילָא קֶען מֶען דָאךְ גְלֵייבְּן אִין יֶעדְן פָּאפֶּער, אוּן זָאגְן אָז עֶר קֶען בַּאוַוייזְן מוֹפְתִים וְכוּ'?!"

דֶער תֵּרוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז נָאר שַׁיָּךְ וֶוען אִיךְ זֶעה אַז דֶער צַדִּיק הָאט מִיךְ גֶעטוֹישְׁט דִי לֶעבְּן, וַוייל אֲפִילוּ מִיט תְּמִימוּת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קֵיין שׁוֹטֶה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), אוּן נָאךְ טַאנְצְן יֶעדְן נַאר אוּן טִפֵּשׁ, וָואס דָאס אִיז דֶער פְּגַם פוּנֶעם עֵגֶל, נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן "וָואס הָאבּ אִיךְ אִין דִי הַאנְט", עֶר דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ אֱמֶתְ'ן חֶשְׁבּוֹן אוּן זִיךְ גוּט קֶענֶען, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען א פָּשׁוּטֶער בָּחוּר, אָן קֵיין טְרָאפּ שֵׂכֶל אוּן אָן קֵיין שׁוּם רָצוֹן צוּ לֶערְנֶען, אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט צוּבְּרָאכְן אוּן דֶערְנִידֶערְט אִין שְׁטוּבּ, אִין חֵדֶר, אִין יְשִׁיבָה, אוּן הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב צוּ דֶעם צַדִּיק, לֶערְן אִיךְ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג מִיט אַ רָצוֹן אוּן חֵשֶׁק, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְּמָרָא, הֲלָכָה, אִינְדֶערְצַייט וָואס אִיךְ הָאבּ בִּיז הַיינְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט קֵיין סֵפֶר, אוֹיבּ אַזוֹי וֵוייס אִיךְ קְלָאר אַז אִיךְ גֵיי אוֹיף אַ גוּטְן וֶועג, וַוייל דֶער צַדִּיק גֶעבְּט מִיךְ עֶפֶּעס אִין דֶער הַאנְט, עֶר מַאכְט מִיר פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערְפַאר דַארְף אִיךְ טַאקֶע אִינְגַאנְצְן גְלֵייבְּן אִין דֶעם צַדִּיק, וַוייל אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט נֶעמֶען אַזַא גְרָאבּ שְׁטִיק עֶרְד, אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען עֶרְגֶער פוּן אַ נְבֵלָה (עַיֵּין וַיִּקְרָא רַבָּה א, טו), אוּן דָאס אִיבֶּער אַרְבֶּעטְן אָז אִיךְ זָאל אַלֵיין וֶועלְן לֶערְנֶען, אָדֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַזַא שְׁוֶוערֶע פְּרוֹי, בִּיז אַלֶעס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן אַדַאנְק דֶעם צַדִּיק הָאבּ אִיךְ שָׁלוֹם-בַּיִת, אִיז דָאס אַן אֶמֶתְ'ער רֶבִּי, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, אָדֶער פְּלוּצְלִינְג הָאט מֶען מִיר צוּבְּרָאכְן דִי שָׁלוֹם-בַּיִת, אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶע'גֶט רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאלְט אִיר וִויסְן, אַז מֶען נַארְט אַייךְ גוּט אָפּ מִיט אַלֶע מִינֵי דִמְיוֹנוֹת, עֶס לִיגְט דָארְט דִי פְּגַם פוּנֶעם עֵגֶל אוּן מֶען דַארְף פוּן דָארְט אַנְטְלוֹיפְן וָואס שְׁנֶעלֶער ה' יִשְׁמְרֵנוּ.

(קוּנְטְרֵס זַיי קְלוּג לֵיל
שִׁשִּׁי כִּי תִשָּׂא תשע"ד)

סְחוֹרָה אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ מִיט גֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע שׁוּתָּפִים כְּדֵי צוּ קֶענֶען פַארְדִינֶען אַסַאךְ גֶעלְט. וֶוען מֶען הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּ פָארְן הָאט עֶר בַּאקוּמֶען הוֹיךְ פִּיבֶּער וָואס צוּלִיבּ דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיט פָארְן, זֶענֶען דִי אַנְדֶערֶע שׁוּתָּפִים אַלֵיינְס אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיפְ'ן לַאנְגְן וֶועג אוּן מֶען הָאט אִים אִיבֶּער גֶעלָאזְט. הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַה עֲוֹונוֹתַי וְחָטָאתִי אַז דָאס הָאט מִיר פַּאסִירְט?" אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי צַעַר, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵוי גֶעטוּן פַארְוָואס פוּנְקְט עֶר, וָואס עֶר אִיז אַזוֹי עֶרְלִיךְ וְכוּ' – דַארְף אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אוּן קֶען נִישְׁט מִיטְגֵיין. אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז אַלֶע רֵייזְנְדֶע אוֹיפְ'ן שִׁיף זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען פוּן אַ רוֹיבֶּערַיי, מֶען הָאט זֵיי אַלֶע גֶע'הַרְגְ'עט רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן. הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָה יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי, יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִ'י", אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט אוֹיף מִיר גֶעצֶערְנְט אוּן מִיר דֶערְנָאךְ גֶעטְרֵייסְט, וָואס אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען וּתְ'נַחֲמֵנִ'י; וַוייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן גְלֵייבְּן אַז גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער אַלֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט, דַאנְק אִים אַז דוּ הָאסְט פַּרְנָסָה; נֶעם אַרוֹיס דִי קְלֶעם פוּן הַארְץ, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נָאר לְטוֹבָה, וֶועסְטוּ זֶען מִיט דַיינֶע אוֹיגְן דִי נִיסִים וָואס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תשפ"א)



זָאג כָאטְשׁ אֵיינְמָאל דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַז מֶען אִיז זִיךְ מְסַדֵר אַ סֵדֶר וִויפִיל צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, מֶען קֶען אִין צְוֵויי דְרֵיי יָאר עֶנְדִיגְן 'כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ'! אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעוֶוען בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אִין עֶטְלִיכֶע יָאר גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר, וִויפִיל בְּלַאט בַּבְלִי אוּן וִויפִיל בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי אוֹיךְ נְבִיאִים וּכְתוּבִים, אַלֶע מֶדְרָשִׁים, וְכוּ' וְכוּ'. דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאוַוייזְן, מֶען דַארְף נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ מַאכְן, וָואס קוֹדֶם צוּ לֶערְנֶען אוּן וָואס נָאכְדֶעם צוּ לֶערְנֶען, אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַלֵיינְס קֶענְסְטוּ פְרֶעגְן אֵיינֶעם וָואס וֵוייסְט יָא, אוּן עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן אִין מִשְׁנָיוֹת, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן פַאר בָּחוּרִים: "נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, דִי מִשְׁנָיוֹת זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן", נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן 'תַּלְמוּד בַּבְלִי' אוּן אַזוֹי גֵיי וַוייטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. אֵיי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דָאךְ נִישְׁט וָואס אִיךְ לֶערְן? אָבֶּער מַיין נְשָׁמָה פַארְשְׁטֵייט, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועל אִיךְ אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין. אוֹיסֶער דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי קְלָאר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), **שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד**, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין, אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט מֶען מִיט דִי צַייט אַלֶעס אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אוּן דָאס אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס זַאךְ, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, כִּי תִשָּׂא תשפ"ב)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# מעשה'לעך פאר קינדער אין ענגליש 2# גרייט צום דרוק

אין יעדע שטוב פון אנשי שלומינו איז א מוז די סיפורי צדיקים פון די ביכלעך "מעשה'לעך פאר קינדער". די מעשה'לעך געשריבן דורכן ראש ישיבה שליט"א איז אנגעפילט מיט יראת שמים, אמונה, און מידות טובות, אראפגעלייגט געשמאק מיט הערליכע מאלערייען, וואס גייט אריין אין די ריינע הערצעלעך פון די קינדער וואס וועט זיי באגלייטן זייער גאנצע לעבן, און לערנט זיי אויס פון די פריסטע יוגנט אז זיי קענען אויך זיין ערליכע אידן, און אז דער אויבערשטער האט זיי יא ליב, און ער ווארט צו הערן פון זיי. עס געבט אריין אין זיי א ליבשאפט צו די תורה און די מצוות, עס געבט אריין א געשמאק אין א שבת, א יום טוב, דאווענען, אויף א וועג וואס די קינדער זאלן עס קענען מיטנעמען זייער גאנצע לעבן.

די ביכלעך זענען געשריבן געווארן אויף אידיש, און ווערן פארשפרייט דורך די מפיצים אין אלע ערליכע אידישע שטובער ווי מען כאפט זיך צו דערצו גאר שטארק, אלע ווילן אז די קינדער זאלן ליינען ערליכע סיפורי צדיקים און אז די קינדער זאלן וואקסן מיט יראת שמים, און דערפאר האט מען שוין גענדארפט איבערדרוקן די ביכלעך עטליכע מאל, נאכדעם וואס אלעס איז אויסגעגאנגען. אזוי אויך האט מען עס איבערגעטייטשט אויף ענגליש אונטער די נאמען "ליטל סטאריס פאר ליטל סאולס", און אויף לשון הקודש מיט'ן נאמען "מעשה'לעך לילדים" וואס ווערט צוכאפט אין די שטובער ווי מען קען נישט קיין אידיש.

אויף אידיש איז שוין דערווייל ארויסגעקומען 1# און 2#, אזוי אויך איז ארויסגעקומען יו עס בי'ס און קאלערינג ביכלעך אין די זעלבע סעריע, און יעצט האט מען ב"ה געענדיגט איבערארבעטן די ביכל 2# אויף ענגליש, אבער כדי צו קענען ווייטער גיין מיט די ארבעט דארף מען קענען דעקן די גרויסע הוצאות, דערפאר ווערט יעצט געגעבן א געלעגענהייט פאר ווער עס האט די מעגליכקייט צו קויפן דעם "זכות מהדורה", וואס די גרויסע זכותים פון די אלע קינדער וואס וועלן אנגעזאפט ווערן מיט אמונה און יראת שמים פונעם ביכל וועט גיין אויפן קאנטע פונעם נדבן, וואס וועט זיכער מגין זיין אויף אים און אויף זיין משפחה. כאפט אריין דעם זעלטענעם זכות און רופט דעם גבאי קרן הדפסה מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף **1-347-578-4449**. וכל הקודם זכה.

פונקט ווי ביי די אידישע ביכלעך ווערט דא אויך די גאנצע ארבעט דורכגעפירט מיט די כסדר'דיגע הדרכה און איבערזיכט פון ראש ישיבה שליט"א דורך די געטרייע און איבערגעגעבנע "מכון עצתו אמונה" וואס האט אריינגעלייגט טעג און וואכן אז עס זאל מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארויסקומען א הערליכע געלונגענע ביכל. מען דרוקט עס ביי גאר ערפארענע דרוקערס, מעלערס און גראפיקער, און מען האט עס געדרוקט אויף גאר גוטע קוואליטעט פאפיר, און עס לעמינעטעד עס זאל זיך האלט לענגער פאר די אינגע קינדער וואס וועלן זיך מחיה זיין מיט די הערליך פאכמאניש געמאלענע בילדער.

## סימן טוב ומזל טוב

הבה"ח **דוד דייטש** הי"ו בארא פארק

צום שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

הבה"ח **ידידה אשר מלכי** הי"ו ירושלים

צום שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

## דו ביסט יא!

**מען דארף יא מיין תפילין? מען דארף נישט מיין תפילין? ווער וועט וויסן אויב איך היט שבת? דער אייבערשטער!**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1,2,10,1,84**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380